These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

Call no: B. (NS)Cr148

Author: Rubinstayn, Sam.

Title: Amerika iz ayn golden land.

כותר: אמעריקא איז איין גאלדען לאנד : דער פייערמאן

Imprint: [New York? : h.mo.l., 18--?]

Collation: 1 broadside : border design ; 21 x 20 cm.

Notes: Three poems about life in America.

הערות: התחלת השיר: דיא גאנצע וועלט איז נאר מיט שווינדעל פיעל. סוג הגליון: שיר.

Subject: Yiddish poetry.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

(NS) CJ-148

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

## אמעריקא איז איין גאלדען לאנד

געזונגען פֿאָן הערר סעם רובינשטיין.

דיא גאנצע וועלט איז נאָר מיט שווינדעל פֿיעל.
א יעדער שטרעבט צוא איין ציעל
פֿון קליין ביז גרויס
קוקען זייא ארויס
צוא ראבעווען און צוא מאכען געלד
ארבייטען דאָס ווילען זייא נישט
זייא ארבייטען ווען קיינער זעהט נישט
מען הארט זייא זאגען
אויף אמעריקא זיך בעקלאגען
דאס קען מען קיין מאָהל אין דער וועלט
ווייל אמעריקא איז א גאלדען לאנד
מען דארף נור זיין זייער קלוג
מען דארף נישט קעהרען פֿיר קיין שאנד
דאן מאכט מען געלד גענוג

2

יעצט לאָמיר ניר בעטראכטען דעם באנקיר
לאמיר נור זעהן ווער איז ער
פֿון וועלכען ארט נעהמט ער דארט
פלוצלונג אזוי פֿיעל געלד
דאס איינע קען איך אייך זאגען פֿיר געוויס
דאס פֿון דער היים האָט ער געמאַכט פּיס
און דאָ איז ער א באס, פֿערריסען מיט דעם נאָז
און לעבט אָב פֿיין זיין וועלט
ווייל אמעריקא איז א גאלדען לאנד א.ז.וו.

3

בעטראכט נאָך דאָרט א שעהנע מעדכען געהן
וועט איהר עטוואָס זאָנדערבארעס זעהן
איהר וועט זיא זעהן לאכען
מיט דיא אויגען מאכען
איהר וועט געוויס פֿרעגען פֿארוואס
אין א ווײלע שפּעטער קענט איהר זיא שיין זעהן
וויא זיא געהט אהיים אבער ניכט אליין
זיא האט געהאט גליק און געהט שוין צוריק
זיא וועט געוויס פֿערדינען פֿיעל מעות
ווייל אמעריקא איז א גאלדען לאנד א.ז.וו.

## דער פֿייערמאן.

געזונגען פֿון הערר סעם רובינשטיין.

הערט מיך נאָר אויס און לייגט צו קאָפּ
איך זינג אייך אָ ליעד, עס איז זעהר גוט
אָבער צו ענדע גיט אַללע א קלאָפּ
לאָזט הערען אייערע שטיממען,
זינגט מיט מיר מיט,

ביסס: פֿייער! פֿייער! לעשט אויס דאָס פֿייער,
עס ברענט! עס ברענט!
מענטשען שנעלל רעטעט אייך.

## א כשרה מציאה.

געזונגען פֿון הערר גאלדשמיט.

וואס טויג א מלמד אָדער א חדר
אז געלד געפֿינט זיך בייא אָ גוי
א כשרה מציאה ליעבט א יעדער
נים איטליכען טרעפֿט דאָס אזוי
וואָס האָב איך גאר צוא קלערען
זאָל זיין פֿון וועמען עס וויל
ווער קען מיר דען שטערען
א מציאה—שא—דאָ אין אמעריקא
האָב שכל בעהאלט מען אין דער שטיל.

2

א בכבוד'ער אלטער רייכער מאן
ער האָט אויך א מציאה דערטאפּט
אָזעלכע מציאה'ס זיינען וועהניג פֿאראן
וויא דער אלטער האט געחאפּט
ער איז עולה לגדולה
וואס ער האט ערזוכט זיין ציעל
איין אלטע שמאטע פֿיר א בתולה
אזא מציאה—שא חיים האָב שכל אין אמעריקא
בעהאלט מען אין דער שטיל.